בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גִּלָּיוֹן הַמֵּאָה

גליון
ק'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויקהל - פרה
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ
פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין.

מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): **"אַרְבָּעָה דְבָרִים צְרִיכִין חִזּוּק, וְאֵלּוּ הֵן: תּוֹרָה, וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, תְּפִלָּה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ"**, אוֹיף פִיר זַאכְן דַארְף אַ מֶענְטְשׁ חִיזוּק, אֵיין זַאךְ אִיז 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דֶּרֶךְ אֶרֶץ): **"אִם אוּמָן הוּא לְאוּמְנָתוֹ, אִם סוֹחֵר הוּא לִסְחוֹרָתוֹ, אִם אִישׁ מִלְחָמָה הוּא לְמִלְחַמְתּוֹ"**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף חִיזוּק צוּ וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן, - אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק.

### מֶען דַארְף קוּמֶען צַייטְלִיךְ

הַיינְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן חִיזוּק אוֹיף דְרֵיי נְקוּדוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר מְחַנְּכִים. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: מֶען דַארְף קוּמֶען צַייטְלִיךְ.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְּדִים אַז אוֹיף קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעס תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָא זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף קוּמֶען שְׁפֶּעט אַז קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן אַז אִיךְ בִּין יָא גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט?"** אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, וָואס זָאל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן? זָאל אִיךְ זָאגְן אַז מֶען קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן?! אִיךְ קֶען נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן הִיטְן דִי זְמַנִּים, מֶען זָאל וִויסְן דָאס הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן. אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תְּשׁוּבָה אוֹיף קוּמֶען שְׁפֶּעט!"** אוּן אַז מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט טוּן.

אֵיין תְּשׁוּבָה קֶען יָא זַיין; דֶער תְּשׁוּבָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא) וִוי אַזוֹי צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְךְ 'הֲפָצָה'; קֶענְסְט גֵיין הֲפָצָה אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען קוּמֶען שְׁפֶּעט? עֶס אִיז דָאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת! 'זְמַנִּים' אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. 'נַיין אַזֵייגֶער' דַארְף מֶען שׁוֹין זִיצְן אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער.

### אִינְדֶערְפְרִי אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר לַאנְגֶע סְעוּדוֹת

אֵיין טָאג צוּפְרִי דִי וָואךְ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין דִי חֵדֶר אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן אִיךְ זֶע וִוי קִינְדֶער זִיצְן זֵייעֶר לַאנְג בַּיי פְרִישְׁטָאג, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז אַמָאל פְלֶעגְן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פְרִישְׁטָאג פַאר דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, פוּן כִּתָּה ה' אוּן אַרוֹיף, וַוייל אַז מֶען קוּמְט אָן אִין חֵדֶר 'נַיין אַזֵייגֶער' אוּן דֶער טָאג אִיז אַזוֹי קוּרְץ, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים... - זָאל מֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג אִינְדֶערְהֵיים פַאר מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר, נַיין אַזֵייגֶער אִיז שׁוֹין צַייט אָנְצוּהֵייבְּן דַאוֶוענֶען, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען גֶעזֶען אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס לֵייגְן אַרוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיפְן בָּאס אוּמְגֶעגֶעסְן, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף קִינְדֶער וָואס מֶען זֶעט אַז זֵיי זֶענֶען 'נִישְׁט דָא', זֵיי הֶערְן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען מְחוּצָפִים - אַז זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט גֶעוֶועזְן הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן, הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט מֶען זָאל יָא גֶעבְּן אִינְדֶערְפְרִי צוּ עֶסְן; אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין לַאנְגֶע סְעוּדוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אוּן עֶסְן בְּרוֹיט, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ וַואשְׁן, וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ 'הַמּוֹצִיא' אוּן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּענְטְשְׁן 'בִּרְכַּת הַמָּזוֹן', אָבֶּער אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ שׁוֹין נָאכְמִיטָאג בַּיי לָאנְטְשׁ, קֶען מֶען דֶעמָאלְט מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סְעוּדָה אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶע הֲלָכוֹת, אוּן צוּפְרִי זָאלְן דִי קִינְדֶער עֶסְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט פָּשׁוּט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין הוּנְגֶערִיג.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן 'נַיין אַזֵייגֶער' קֶען מֶען שׁוֹין זַיין צֶען מִינוּט נָאךְ נַיין אִין כִּתָּה נָאכְן עֶסְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט אַ פֵייעֶר; מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דַאוֶוענֶען אָדֶער צוּ לֶערְנֶען, יֶעדֶע כִּתָּה לוֹיט זַיין סֵדֶר, אוּן נָאכְמִיטָאג וֶועט מֶען מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סְעוּדָה.

עֶטְץ דַארְפְסְט וִויסְן, דֶער טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין אַפָּאר חֲלָקִים, עֶס אִיז דָא דָאס לֶערְנֶען, עֶס אִיז דָא דָאס שְׁפִּילְן, נָאכְדֶעם אִיז דָאס דֶער חֵלֶק וָואס מֶען קֶען אָנְרוּפְן 'בֶּעבִּי-סִיטִינְג', וָואס מֶען הָאט דִי קִינְדֶער פָּשׁוּט זֵיי אָנְצוּהַאלְטְן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים, דָאס אִיז דֶער צַייט פוּן לָאנְטְשׁ - בִּיז מֶען גֵייט אַהֵיים, דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי אִין יֶענֶע צַייט צוּ פְרַאוֶוען דִי לַאנְגֶע סְעוּדָה.

אָבֶּער צוּפְרִי וֶוען דִי קָאפּ אִיז נָאךְ שַׁארְף, דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָא, דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה; יֶעדֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אִין טָאג - וֶוערְן דִי קִינְדֶער מֶער

אוּן מֶער פַארְשְׁלָאפְן.

### שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים אִיז דֶער יְסוֹד פַאר הַצְלָחָה

עֶס אִיז דָא אַ הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מִיטְן נָאמֶען 'סֵדֶר הַיְשִׁיבָה', מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט זִיךְ דָארְט צוּ דִי בָּחוּרִים (קוּנְטְרֵס סֵדֶר הַיְשִׁיבָה, אוֹת א') מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין מִיט אַ מָשָׁל (דֶער מָשָׁל גֶעדֶענְק אִיךְ גוּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעהַאט גֶעהֶערְט דֶעם צוּשְׁטֶעל): **"שְׁטֶעל זִיךְ פַאר אַז דִי זוּן זָאל אֵיין טָאג פַארְשְׁפֶּעטִיגְן... עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, זֵייעֶר פִּינְקְטְלִיךְ, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען** (תְּפִלַּת עַרְבִית)**: 'אֲשֶׁר בִּדְבָרוֹ מַעֲרִיב עֲרָבִים, בְּחָכְמָה פּוֹתֵחַ שְׁעָרִים, וּבִתְבוּנָה מְשַׁנֶּה עִתִּים, וּמַחֲלִיף אֶת הַזְּמַנִּים, וּמְסַדֵּר אֶת הַכּוֹכָבִים בְּמִשְׁמְרוֹתֵיהֶם בָּרָקִיעַ, כִּרְצוֹנוֹ. בּוֹרֵא יוֹמָם וָלָיְלָה, גּוֹלֵל אוֹר מִפְּנֵי חֹשֶׁךְ וְחֹשֶׁךְ מִפְּנֵי אוֹר', דִי וֶועלְט גֵייט מִיט אַ סֵדֶר; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן גֵיי שְׁלָאפְן אִין צַייט, אוּן שְׁטֵיי אוֹיף אִין צַייט".**

אַז מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, מוּז מֶען גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ. אַ גוּטֶער מְלַמֵּד דַארְף שׁוֹין זֶען צוּ דַאוֶוענֶען 'זִיבְּן אַזֵייגֶער', אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אַבִּיסְל אָטֶעמֶען אוּן טְרַאכְטְן וָואס עֶר גֵייט הַיינְט טוּן אִין חֵדֶר, אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁטֵייט אוֹיךְ שְׁפֶּעט אוּן לוֹיפְט נָאךְ דֶעם טָאג, וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, נָאכְדֶעם גֵייט עֶס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד דַארְף שׁוֹין זַיין אִין חֵדֶר 'צֶען מִינוּט' פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין חֵדֶר צוּ דִי צַייט, דָא אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס וואוּ מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ עֶפֶּענֶען דִי קָאמְפְּיוּטֶער אוּן דִי אִימֶעיל, עֶס אִיז קִינְדֶער! פַאר מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְכַאפְּן דֶעם אָטֶעם.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן אַז מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ, זָאגְן פַארְן מְנַהֵל מֶען זָאל לֵייגְן אַ מַאשִׁין אוּן יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאל דַארְפְן זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן לוֹיט דֶעם וֶועט עֶר וֶוערְן בַּאצָאלְט? - דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, וַוייל דִי מְלַמְּדִים קוּמֶען דָאךְ נִישְׁט פַאר דִי גֶעלְט... אִיךְ קֶען נָאר אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ! עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַן אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף עֶס טוּן רִיכְטִיג!"**

### נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעוָואלְט רֶעדְן: נֶעם נִישְׁט אָן פֶּערְזֶענְלִיךְ וָואס קִינְדֶער זָאגְן.

וֶוען אַ קִינְד מַאכְט אַוֶועק דַיינֶע זַאכְן, מַאךְ נִישְׁט קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן, 'אִיךְ וֶועל דִיךְ וַוייזְן! דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען...' נֶעם עֶס נִישְׁט אָן פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶס אִיז נָאר אַ קִינְד.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל לָאזְן דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, אוֹי וַאֲבוֹי אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן! מֶען רֶעדְט דָא פוּן יָא מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער נָאר עֶס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶס זָאל נִישְׁט צוּגֵיין אוֹיף אַ וֶועג פוּן אַ קְרִיגֶערֵיי, 'דוּ הָאסְט מִיךְ יָא גֶעפָּאלְגְט, דוּ הָאסְט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט', 'אִיךְ בִּין שְׁטֶערְקֶער פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט שְׁטֶערְקֶער פוּן מִיר', 'אִיךְ גֵיי דִיר אוֹיסְזָאגְן פַאר דַיין טַאטֶע...'

מֶען דַארְף זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין עֶסְן"**, **"יֶעצְט דַארְף מֶען קוּמֶען"**, אָבֶּער מֶען לֵייגְט צוּ אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אַבִּיסְל הַארְץ אוּן אַ גְלֶעט.

### בִּשְׁעַת חֶדְוָתָא - חֶדְוָתָא

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר פְרִיעֶר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ טְרִיפּ (אַן אוֹיסְפְלוּג), אוֹיפְן וֶועג הֶערְט עֶר וִוי אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע טְרִיפּ"**, זָאגְט מִיר דֶער מְלַמֵּד: **"אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ... וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי גַאנְצֶע טְרִיפּ, [דִי גַאנְצֶע מְלוּמְדוּת אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער צוּ זִיצְן אִין חֵדֶר אִיז רוּטִין (אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט טָאג טֶעגְלִיךְ) מֶען הָאט שׁוֹין דִי מְהַלֵּךְ וִוי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס, אַמָאל מַאכְט מֶען אַ קַאוֶוע אוּן אַמָאל כַאפְּט מֶען אַ שְׁמוּעֶס, אָבֶּער אַרוֹיסְגֵיין פוּן וֶועג, נֶעמֶען קִינְדֶער אוֹיף אַ טְרִיפּ, אִיז שְׁוֶוערֶער], אוּן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט עֶס צוּ טוּן רוּפְט זִיךְ דֶער אִינְגְל אָן: 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע טְרִיפּ', עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן".**

אִיךְ פְרֶעג דֶעם מְלַמֵּד: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם קִינְד?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן מִיטְ'ן נִישְׁט זָאגְן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ כְּלָל: 'בִּשְׁעַת חֶדְוָתָא - חֶדְוָתָא'** (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פֶּרֶק כז, סִימָן ד; הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית ו, ו)**; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ צֶעשְׁטֶערְן אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן אַ גַאנְצֶע טְרִיפּ מִיט שְׁרֵייעֶן, אָבֶּער אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער דַארְפְסְטוּ אִים מְחַנֵּךְ זַיין, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּ בִּיסְט שׁוֹין בַּארוּאִיגְט, דוּ שְׁפִּירְסְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי פֶּערְזֶענְלִיךְ, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: 'קוּק אַהֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט עֶס נִישְׁט זָאגְן', אָבֶּער דוּ זָאלְסְט אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער ווִיסְן אַז עֶר אִיז פָּשׁוּט קִינְדִישׁ".**

דֶער נְקוּדָה פוּן זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, **"יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"יֶעצְט טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן"**, **"יֶעצְט דַארְף מֶען עֶסְן"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ רֶבִּי"**, **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע"**, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, נָאר אוֹיךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַארְן קִינְד, **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר טֵייעֶר"**, **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוֹיל קִינְד"**, - אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער

דִי דְרִיטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן: הַאלְטְס נִישְׁט קַיין דְרָשׁוֹת אִין חֵדֶר פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אִין דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר קוּמְט אִין חֵדֶר מִיט גְלֶעזֶער (בְּרִילְן) וָואס דוּ הַאלְסְט אַז עֶס אִיז מָאדֶערְן, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן פַארְן קִינְד: **"דִי גְלֶעזֶער אִיז אַ מָאדֶערְנֶע גְלֶעזֶער"**, וָואס ווִילְסְטוּ פוּנֶעם קִינְד? דָאס הָאט אִים דָאךְ זַיין טַאטֶע גֶעקוֹיפְט; עֶס אִיז נַארִישׁ אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

אָדֶער אַז אַ מַאמֶע קוֹיפְט פַאר אִיר זוּן אַ קְלֵיינֶע הַארְטֶע קַאפְּל מִיט זַיין נָאמֶען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן, קֶענְסְטוּ נִישְׁט וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע קַאפְּלֶעךְ: **"דִי קִינְדֶער גֵייעֶן מִיט דִי עֶרְלִיכֶע קַאפְּלֶעךְ..."** - וָואס זָאל יֶענֶער קִינְד יֶעצְט טוּן? וָואס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג אַז זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַזַא סָארְט קַאפְּל?! אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ טַעַם אִין אַ קַאפְּל, זִינְג מִיט דִי קִינְדֶער: **"אַ מְחַיֶה קַאפְּל"**, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן שְׁפִּירְן דֶעם קִינְד וִוי 'עֶר' טוּט אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ?!

אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד זָאגְט פַאר דֶעם קִינְד: **"וַאוּוּ, דוּ הָאסְט אַזַא שֵׁיינֶע קַאפְּל, בִּיסְט אַזַא וואוֹילֶער אִינְגְל"**, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט עֶר זָאל קוּמֶען מִיט דֶעם קַאפְּל (אַגַּב, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק מִיט וֶועלְכֶע קַאפְּל מֶען גֵייט), שִׁיק נִישְׁט דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ דוּרְךְ דֶעם

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קִינְד, נָאר הֵייבּ אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אוּן זָאג פַאר דִי מַאמֶע: **"אַזוֹי אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען נִישְׁט בַּיי אוּנְז"**.

נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַז דוּ הַאלְסְט אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר קְלֵיידֶער אוּן פַאר פּוּרִים'דִיגֶע פַארְשְׁטֶעלַאכְץ, קֶענְסְטוּ זָאגְן: **"מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי מַאמֶע, אוּן וָואס דִי מַאמֶע טוּט אָן - דַארְף מֶען זַיין צוּפְרִידְן"**, אָבֶער הַאלְטְן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה: **"מֶען טָאר נִישְׁט קוֹיפְן קֵיין קְלֵיידֶער אוּן קֵיין פַארְשְׁטֶעלַאכְץ"**, וֶוערְט דֶער קִינְד צֶעמִישְׁט: 'מַיין מַאמֶע קוֹיפְט מִיךְ יָא, אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין רֶבִּי אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין מַאמֶע, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן?'

עֶס אִיז דָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט פוּן זֵיי, זֵיי קֶענֶען וֶוערְן צֶעמִישְׁט פוּן אַזֶעלְכֶע דְרָשׁוֹת. דִי דְרָשָׁה דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאגְן: **"עֶס אִיז אַ שָׁאד אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר קְלֵיידֶער, מֶען קֶען נֶעמֶען קְלֵיידֶער פוּן 'בַּאזַאר'"**, אָבֶער אַז דוּ זָאגְסְט פַאר קִינְדֶער: **"נֶעבֶּעךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוֹיפְן קְלֵיידֶער"**, טְרַאכְטְן זֵיי: 'מַיין טַאטֶע מַאמֶע קוֹיפְן קְלֵיידֶער, מַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען אַ נֶעבֶּעךְ?'

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ קִינְד וָואס הֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּן זַיין מְלַמֵּד קֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן עֶסְן פִּיצַא אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן זַיין טַאטֶע נֶעמְט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דָארְט עֶסְן? וָואס זָאל דֶער קִינְד טוּן? זָאל עֶר זָאגְן פַאר זַיין טַאטֶע: **"מַיין רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט?"** דוּ וַוארְטְסְט אַז דֶער טַאטֶע זָאל זָאגְן פַארְן קִינְד: **"דַיין רֶבִּי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט"?!**

אָדֶער עֶס קוּמְט יֶעצְט פֶּסַח, אוּן דוּ גֵייסְט הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה קֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פָארְן אַוֶועק אוֹיף פֶּסַח צוּ הָאטֶעלְן, וָואס זָאל אַ כִּתָּה ו' אִינְגְל טוּן וָואס זַיין טַאטֶע פָארְט יָא אַוֶועק פֶּסַח צוּ אַ הָאטֶעל? זָאל עֶר נִישְׁט מִיטְפָארְן צוּ דִי הָאטֶעל? וואוּ זָאל עֶר גֵייט? דוּ ווִילְסְט אִים אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי דִיר צוּם סֵדֶר?!

וֶוען מֶען רֶעדְט אַ דְרָשָׁה צוּ טַאטֶעס קֶען מֶען זֵיי מַדְרִיךְ זַיין מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן אוֹיף פֶּסַח, אָבֶער צוּ קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט רֶעדְן, וַוייל דֶער קִינְד וֶוערְט צֶערִיסְן צְווִישְׁן דִיר אוּן זַיין טַאטֶע; עֶס אִיז אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ!

מֵילָא אַז מֶען רֶעדְט צוּ בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַלֵיינְס בּוֹחֵר וָואס צוּ טוּן, קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן, זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ רִיכְטִיג, אָבֶער צוּ קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן.

### רֶעדְן פוּן דִי אַלְטֶע פָּשׁוּטְ'עֶ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן

אֶפְשָׁר קֶען מֶען צוּרִיק אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּן דִי אַלְטֶע פָּשׁוּטְ'עֶ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן.

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים"**, **"מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן"**, אוּן פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיין מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ"ש לֶערְנְט אוּנְז; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער ווִילְן נָאר שְׁפִּילְן, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן פָאלְגְן.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט דִיר אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: "דִי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט מוֹרָא, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי טוּט גָארְנִישְׁט"; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר.

וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן; הֶער פוּן זֵיי אִינְפָארְמַאצְיֶע, הֶער צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאלְסְט נֶעמֶען דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דִי לִימוּדִים פוּן מוֹהֲרַ"ש אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט וַוייטֶער זֵיי מְחַנֵךְ זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעצְט אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט נָאכְן פָארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג; אִיךְ הָאף מָארְגְן צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, דִיר מְחַזֵק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז דִיר נִישְׁט גוֹרֵם, עֶר אִיז קַאלְט, טְרוּקְן וְכוּ' וְכוּ'; ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין זוּן? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער? חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף אַ אִידִישׁ קִינְד עֶר אִיז אַ קַאלְטֶער, אַ טְרוּקֶענֶער וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע נֶעמֶען; דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי ווִי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט אַלֶע בְּרוּנֶעמְס וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן, אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ גְרָאבְּן בַּיי יֶעדְן אִיד אוּן טְרֶעפְן אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער, מַיִם חַיִּים; נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז אַ קִינְד אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריִקֵייט אִין לֶעבְּן. פֶּערְצוּפַאל הַאלְט אִיךְ מִיט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶר קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פוּן אוּנְזֶער אַרְמֵיי - זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶוער גֶענֶערַאל אוּן נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קֵיין אֵיין קִינְד בְּלַייבְּן פַארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרוּבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הַארְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב):

"מָצָאנוּ מַיִם!" זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ אַרֵיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דֵיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מְלַמְּדוּת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זֵיי פֶעלְן פֶעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייטֶער, דַיין חִיזּוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת מצורע תשע"ט)

## זָאל מֶען קְנַס'נֶען בַּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פּוּרִים מִיט אַ טִישׁוּרְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קְנַס'נֶען אַלֶע בַּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פּוּרִים מִיט אַ טִי-שוּרְט? מַאךְ נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן. דֶער עִיקָר לֵייג אַרֵיין אִין דִי בַּחוּרִים אֱמוּנָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ זֵיי פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; עֶס אִיז נַארִישׁ זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי זַאכְן.

אַ שָׁאד אַז מֶען נֶעמְט אוּמְווִיסֶנְדֶע מֶענְטְשְׁן פַאר מַשְׁגִּיחִים וָואס מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע זַאכְן אִין דִי צַייט וָואס בַּחוּרִים פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה אוּן פוּן תְּשׁוּבָה, נִישְׁט פוּן גֵיין אַ כַאלַאט אוּן מִיט אַ צוּגֶעמַאכְטֶע רֶעקְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרֵיין אִין דִי בַּחוּרִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה. שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויקרא תשפ"ג)

## וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בָּאבֶּעס, פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט, מַיין צֶען יֶעריגֶע לֵייגְט אַוֶועק דָאס גֶעלְט, מַיין אַכְט יֶעריגֶע שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, טוּישְׁט עֶס אוֹיף יֶעדֶע פָּאר טֶעג אוֹיף קְלֶענֶערֶע אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק צוּ גְרֶעסֶערֶע, אוּן דִי פִינְף יֶעריגֶע ווִיל נָאר קוֹיפְן זַאכְן אוּן עֶס אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן, עֶס לָאזְן בַּיי זֵיי, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי, אָדֶער עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר זֵיי פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן בַּיי מִיר, אָבֶּער יֶעדֶע פָאר טֶעג בֶּעטְן זֵיי עֶס צוּרִיק, אָדֶער ווִיל עֶר עֶפֶּעס קוֹיפְן דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן וָואס עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי וֶועט מֶען טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פְרֶעגְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן - דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן ווַייזְן פַאר דִי קִינְדֶער - אַז אַ אִיד פְרֶעגְט דַיינֶע פְרַאגֶעס; מֶען גֵייט צוּם רַב, צוּם דַיָּין, מֶען פְרֶעגְט. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי טוּן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן - וֶועלְן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַ רַב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין.

לֵייג אַוֶועק זֵייעֶר חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט - בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי דָאס גֶעבְּן. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעבְּן פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב פסח תשפ"ג)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876